# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישב תשפ"ה שנה י | גליון מס' 561



בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


# פניני אמונים

## פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### אונזער תפקיד אויף די וועלט - זיך פארמעסטן ריכטיג מיט די שוועריגקייטן

"וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן" (לז א)

אויף די ווערטער "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב" ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון מדרש אז יעקב אבינו האט דא געהאט א בקשה, ער האט געוואלט זיצן בשלוה בעולם הזה, אבער פון הימל האט מען אים געענטפערט: "לא דיים לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא, אלא שמבקשים לישב בשלווה בעולם הזה?!" און מען האט געברענגט אויף אים די צרה פון יוסף הצדיק.

דער בעל ה'**תשובות והנהגות**' ברענגט אראפ דער מדרש און זאגט אז פון דער מאמר חז"ל דארף א איד ארויסלערנען אז די פליכט פון א איד איז נישט ער זאל אפלעבן זיינע יארן בשלווה, ווייל די שוועריגקייטן וואס א איד גייט אריבער אויף די וועלט און דער וועג ווי אזוי ער פארמעסט זיך מיט זיי, וועט קובע זיין די מעמד וואס ער וועט האבן אויף יענע וועלט.

דערביי דערציילט ער א מעשה פון זיין רבי הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל דער בעל ראש ישיבת 'תורת אמת' אין לאנדאן. ער דערציילט אז א תלמיד איז אמאל אריין צו זיין רבי פאר די חתונה און געבעטן א ברכה פון זיין רבי.

דער ראש הישיבה האט אים געפרעגט וואספארא סארט ברכה ער וויל? האט ער געענטפערט אז ער וויל אז זיין לעבן זאל זיך פירן על מי מנוחות, אז ער זאל נישט האבן קיין שוועריגקייטן אין לעבן.

"דאס איז נישט קיין ברכה". האט דער ראש הישיבה געזאגט.

"איך וועל דיר געבן א ברכה אז דו זאלסט זיך ריכטיג פארמעסטן מיט די שוועריגקייטן וואס דו גייסט אריבערגיין אין דיין לעבן....".

'חכמה ודעת'

### אויף שיך מאכט מען נישט די ברכה פון "שהחיינו"

"וַיַּעַבְרוּ אֲנָשִׁים מִדְיָנִים סֹחֲרִים וַיִּמְשְׁכוּ וַיַּעֲלוּ אֶת יוֹסֵף מִן הַבּוֹר וַיִּמְכְּרוּ אֶת יוֹסֵף לַיִּשְׁמְעֵאלִים בְּעֶשְׂרִים כָּסֶף וַיָּבִיאוּ אֶת יוֹסֵף מִצְרָיְמָה" (לז כח)

אין פרקי דרבי אליעזר (לח) ווערט געברענגט אז די שבטים האבן זיך צעטיילט מיט דאס געלט וואס זיי האבן באקומען פון מכירת יוסף און מיט דאס געלט האבן זיי זיך געקויפט נייע שיך און אויף דעם קלאגט דער נביא אין עמוס ( ב ו): "עַל מִכְרָם בַּכֶּסֶף צַדִּיק וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם".

פארוואס טאקע האבן זיי געקויפט מיט דעם שיך?!

האט דער באסקוויטשער רב **רבי פנחס קאצנעלנבויגן** נאכגעזאגט בשם זיין זיידע **רבי אליעזר היילברון**: אז כידוע דרשנ'ען די חכמים (ב"ק צד א) דער פסוק (תהילים י ג): "וּבֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ ה'" אז ווער עס מאכט א ברכה אויף א גע'גנב'טע חפץ איז מען מנאץ את ה' און ווייל שיך איז די איינציגסטע זאך וואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף איר אויך נישט די ברכה פון שהחיינו האבן זיי זיך געקויפט שיך. (זעה שו"ע או"ח רכג ו).

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א צדיק אין זכות פון די אמנים

דער 'מגלה עמוקות' איז מגלה אין די וואכענדיגע סדרה אז דער שורש פון יוסף הצדיק איז בסוד ה'אמן.

ער לערנט עס ארויס פון פסוק, אין די פרשה שטייט (בראשית לז ג): "בֶּן זְקֻנִים הוּא" - און די סופי תיבות פון בן זקנים הוא איז 'אמן'.

מען קען צולייגן אז דער געדאנק אז דאס איז אויך דער שורש פארוואס מען רופט אן יוסף מיט דער תואר "צדיק" - מען זאגט אייביג "יוסף הצדיק". (זעה יומא לה ב און אין נאך ערטער).

עס קען זיין אז דאס איז אויך געבינדן צו דער שורש אין אמן, ווייל דער רבינו בחיי זאגט אז ווער עס איז מקפיד אויף אמן איז א "צדיק" ווייל אין פסוק שטייט (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים". ('כד הקמח' ערך אמונה).

פון הימל האט מען מיר מזכה געווען צו זיין איינער פון די באי ביתו פון דער ראש הישיבה רבי אהרן יהודה לייב שטיינמאן זי"ע.

אין די קומענדיגע טעג וועט מען אפצייכענען זיבן יאר פון זיין פטירה. זייענדיג ביי אים האט מען געזען די ספעציעלע צוגאנג צו אן אמן, די ליבשאפט וואס ער האט געהאט צו אן אמן, די חביבות פאר די מצוה.

עס וועט אייביג בלייבן איינגעקריצט אין מיין הארץ די לעכטיגע מחזה וועלכע האט זיך אפגעשפילט יעדן אינדערפרי ביי אים אין שטוב אביסל נאך עלות השחר. אביסל פאר מען האט אנגעהויבן צו דאווענען שחרית מיט די ותיקין מנין אין זיין שטוב, פלעג ער זיך אויפשטעלן און זאגן ברכת השחר פאר'ן ציבור.

די ברכות זענען געזאגט געווארן מילה במילה, ווי ער וואלט ווען געציילט געלט, ווען אלע אנוועזנדע אין שטוב ענטפערן נאך איר אמן, נאך די ברכות פלעגט ער בלייבן שטיין אויף זיין ארט און אויסגעהערט די אמנים פון אנדערע אידן.

ער האט מחשיב געווען אן אמן און געפאדערט פון אנדערע אז זיי זאלן אויך מחשיב זיין אמן. ער האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי קען מען מזלזל זיין אין אן אמן.

"אויף יענע וועלט וועלן מיר זען אז יעדער אמן איז געווען ווערד מיליאנען....". פלעגט ער אויסשרייען.

זיינע ווערטער זענען נישט דברים בעלמא, זיי זענען מחייב יעדער איינער וואס גייט אין אירע וועגן, ער זאל זיך מתבונן זיין אין איר, אין די גרויסקייט פון אן אמן ווייל אין הימל וועט מען פאדערן פון אונז ווי אזוי איז געווען די באציהונג צו אן אמן און ספעציעל צו די געדאנק פון ברכת השחר בחברותא.

ביי איינער די כינוסים האב איך אים געבעטן ער זאל זאגן אפאר ווערטער לכבודו פון דער מעמד. מיט א שמייכל האט ער אויסגעדרוקט זיין וואונדער וואס פעלט אויס צו רעדן, אויב חז"ל שרייבן שוין אזעלכע חשובע זאכן אויף דער אמן - וואס פעלט אויס צו צולייגן צו איר?

דער אמת איז אז עס איז נישט דא וואס צו צולייגן, מיר וועלן גיין אין די וועגן פון די צדיקים, מיר וועלן אויפשטיין פרי און קומען אין שול אריין און ענטפערן אמנ'ס און עס וועט מקויים ווערן ביי אונז וואס עס שטייט אין (תהלים לד טז): "עיני ה' אל צדיקים ואזניו אל שועתם".

**מיט א קריאה**
**פון "גוי צדיק שומר אמונים"!**
**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמערשטיין

# — א תפילה עולמית — פאר דער ראש הישיבה —

דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת וישב, כ' בכסלו תשפ"ה, וועט ווערן אפגעצייכענט פיר און פערציג יאר פון די פטירה פון דער גאון רבי יצחק הוטנער - דער בעל ה'פחד יצחק'.

די געשיכטע וואס מיר גייען דא פארציילן איז א שרעקעדיגע געשיכטע וועלכע האט בשעתו אויפגערודערט די וועלט. אין יענע געשיכטע איז דער ראש הישיבה זצ"ל מיט זיין משפחה געווען אין א סכנה פאר גאנצע דריי וואכן אין איין ציה זייענדיג געפאנגען ביי א גרופע טעראריסטן. אין יענער צייט האט זיך די אידישע וועלט מתאחד געווען און מתפלל געווען פאר זיין הצלה, די תפילות האבן עושה רושם געווען און שלא כדרך הטבע איז ער ניצול געווארן פון די סכנה.

די געשיכטע גייט צוריק צו די יאר תש"ל. אין יענע יארן איז דאס לאנד ירדן פארוואנדלט געווארן אין א לאנד פון טעראר, טויזנטער פאלעסטינער וועלכע זענען געווען אויפגעברויזט אויף מדינת ישראל, האבן אפערירט אין אירע שטחים און אנגעפירט מיט א רייע טעראר אקטן צילנדיג אנצוטון שאדן פאר די אידן און פאר די אינטערעסן פון מדינת ישראל.

כידוע זענען רוב ירדנער בירגער פאלעסטינער. אן אויסנאם איז די רעגירונג וועלכע ציט אירע ווארצלען צו אן אנדערע דינאסטיע און רעפענטיזירט בלויז צוואנציג פראצענט פון די באפעלקערונג. דער פאקט האט צוגעברענגט אז די ארטיגע רעגירונג האט מורא געהאט צו זיין שטרענג מיט זיי, די פאלעסטינער שפירנדיג אז זיי האבן די



א פליגער פון די 'טראנס וועלווערד עירליינס'ביים זיך הייבן אין די לופטן

מערהייט אין לאנד, האבן אנגעפירט מיט טעראר אקטן אומגעשטערט.

עס איז געווען אין יענע צייט ווען די טעראריסטן האבן אנגעהויבן היידזשעקן פרעמדע פליגערס און זיי געלאנדט אין ירדן. די ערשטע צוויי פליגערס האבן זיי געלאנדט אין דער טאג ה' אלול תש"ל און עטליכע טעג שפעטער האבן זיי אראפגעברענגט נאך א פליגער.

די היידזשעקער האבן געפאדערט אז אין אויסטויש פון די געפאנגענע זאל מדינת ישראל באפרייען אלע ארעסטירטע טעראריסטן אין די שטחים פון מדינת ישראל און פון אנדערע לענדער.

איינס פון די פליגערס וואס זיי האבן פארכאפט איז געווען דער 'טראנס וואלווארד עירליינס' פליגער. דער פליגער האט אפגערייזט פון ארץ ישראל און האט געדארפט לאנדען אין פראנקפורט אבער איז פארכאפט געווארן אונטערוועגנס.

אויף די פליגער איז געווען אסאך אידן, צווישן זיי דער ראש הישיבה רבי יצחק הוטנער זצ"ל און זיין רעביצין און זיין בת יחידה און איר מאן רבי יהונתן דעוויד.

די רייזע האט זיך אנגעהויבן ווי געווענליך אבער דאן ווען זיי זענען שוין געווען אין די לופטן האבן די היידזשעקער געהיידזשעקט די פליגער און געצווינגען די פילאטן אז זיי זאלן לאנדן די פליגער אין ירדן.

דער גענויער ארט וואו די פליגער האט געלאנדט איז געווען אין א פארלאזטער עירפארט אין ירדן מיט'ן נאמען 'די דאסאן לופטפעלד'.

אין די קומענדיגע פאר טעג האבן די היידזשעקער באפרייט רוב רייזענדער איבערלאזנדיג בלויז 56 פון זיי וועלכע זיי האבן באשטעטיגט אלץ זיכערע אידן.

די אידן זענען געהאלטן געווארן פאר דריי וואכן, צווישן זיי איז געווען דער ראש הישיבה און זיין משפחה מיט די איבריגע פארכאפטע. די ערשטע וואך האט מען זיי געהאלטן אויפ'ן פליגער. שפעטער האט מען זיי אריבערגעפירט צו א פריוואטער הויז, וואו זיי האבן געוויילט דארט אונטער די שוץ פון די טעראריסטן, אין די דריטע וואך האט מען זיי אריבערגעפירט צו א דריטע ארט וואו זיי האבן געוויילט צוזאמען מיט די איבריגע געפאנגענע און ארום זיי איז אנגעגאנגען העפטיגע שלאכטן צווישן די טעראריסטן און די ירדנער סאלדאטן.

עס איז געווען אין יענע טעג צייט ווען די השגחה עליונה האט אזוי געפירט אז דער קעניג פון ירדן זאל באשלוסן אז די טעראריסטן זענען א געפאר פאר די עקזיסטענץ פון זיין רעגירונג און איז ארויס א מלחמה קעגן זיי.

די אומשטאנדן פון דער ראש הישיבה און זיין משפחה איז געווען זייער שווער. דער רוב פון די צייט האבן זיי געהונגערט און זיי האבן פארלוירן אסאך וואג.

ווען די ידיעה איבער די געפענגעניש האט דערגרייכט די אידישע וועלט האבן אלע אידן אנגעהויבן טון פעולות ווי אזוי מען קען באפרייען די אידן. מען האט מרבה געווען בתפילה ובתחנונים פאר זייער הצלה, דער מירער ראש הישיבה רבי חיים שמואלעוויטש זצ"ל איז ארויס אויף א מסע התעוררות צו דערוועקן דעם ציבור אז מען זאל מעורר זיין רחמי שמים פאר דער ראש הישיבה און די אנדערע אידן.

עס איז געווען אין יענע צייט ווען דער חשובער משגיח רבי אליהו לאפיאן זצ"ל איז נסתלק געווארן פון די וועלט. א שטיק צייט איידער זיין הסתלקות איז רבי חיים שמואלעוויטש זצ"ל געווען זייער קראנק און פון זיין קראנקער בעט האט ער געבעטן אז מען זאל קלינגען צו רבי אליהו לאפיאן און בעטן אז ער זאל דאווענען לרפאותו.

ווען רבי אליהו האט געהערט אז דער מצב פון רבי חיים איז שווער איז ער אריינגעלאפן אין די ישיבה כפר חסידים וואו ער האט געדינט אלץ משגיח און געעפענט די ארום הקודש און אנגעהויבן דאווענען מיט'ן גאנצן ברען.

די תפילות האבן געשפאלטן הימלען און א שטיק צייט שפעטער איז רבי חיים ארויס מכלל סכנה און קעגן אלע שאצונגען פון די דאקטורים איז ער אהיימגעגאנגען געזונטערהייט צו זיך אין שטוב.

יעצט ביי די לויה פון רבי אליהו איז רבי חיים געשטאנען און מספיד געווען. האלטנדיג אינמיטן די הספד האט רבי חיים זיך געוואנדן צו רבי אליהו און נאכ'ן בעטן מחילה האט ער אנגעהויבן בעטן ביי אים ער זאל מעורר רחמים זיין ביים כיסא הכבוד פאר יצחק בן חנה וועלכע געפינט זיך כרגע אין א גרויסע סכנה.

"איך בין מעיד אז ער איז אן אדם גדול...". האט רבי חיים געזאגט.

די תפילה האט גערירט דעם ציבור און אלע האבן מיטגעדאווענט און מיטגעבעטן.

א וואך דערויף איז רבי יצחק באפרייט געווארן, די ירדנער האבן געפירט א שווערע מלחמה מיט די פאלעסטינער טעראריסטן און אויסגע'הרג'ט פון זיי טויזנטער, ביז ווען זיי האבן זיך מכניע געווען און באפרייט די געפאנגענע אן קיין שום באדינג.

ווען די וועלט האט געהערט די בשורה טובה אז רבי יצחק איז ארויס פריי איז געווארן א שמחה ביים כלל ישראל איבעראל.

דער טאג פון כ"ז אלול, די טאג פון די באפרייאונג, איז אויך געווען דער לעצטער טאג פון די שבעה ביי רבי אליהו לאפיאן זצ"ל. אין דעם טאג איז האט מען אפגעראכטן א גרויסער מעמד הספד אין די 'מאה שערים' ישיבה אין ירושלים עיה"ק און דערביי האט גערעדט רבי חיים שמועלאוויטש זצ"ל און געדאנקט פאר רבי אליהו אז ער האט גע'פועל'ט די ישועה פאר רבי יצחק הוטנער זצ"ל אין הימל.

איבער די מעשה שרייבט דער גאון רבי אברהם מרדכי איזבי, מראשי ישיבת 'בית ישראל' אין אשדוד אין זיין ספר 'חלקת מרדכי' (שבועות עמ' שג) און שילדערט די גרויסע ניסים און ווי אזוי מען האט געזען אז דער יד ה' האט אפגעהיטן דעם ראש הישיבה און ער איז ניצול געווארן מיט א ישועה למעלה מדרך הטבע אין זכות פון תפילת ישראל.

'ספר הזכרון לגר"ח שמואלביץ'
עמ' קו; 'שיח יוסף' ח"ב עמ' קכא

# דרך אמונים

## די הלכות פון ענטפערן אמן

### — הפסקה לעניית אמן על ברכת כוהנים —

**איינער וואס הערט "ברכת כוהנים" ווען ער האלט אינמיטן קריאת שמע וברכותיה, מעג מפסיק זיין און ענטפערן אמן, אפילו ווען ער האלט אינמיטן א פרק[1]. ויש אומרים אז אויך אויף די ברכה "אשר קדשנו בקדושתו של אהרן" וועלכע מען מאכט איידער מען הייבט אן די ברכת כהנים מעג מען אויך מפסיק זיין צו ענטפערן נאך איר אמן[2]. אבער ווען עס איז נישט דא דארט קיין כהן, נאר דער שליח ציבור זאגט די תפילה פון 'אלקינו ואלקי אבותינו ברכנו בברכה המשולשת' און דער עולם ענטפערט "כן יהי רצון" זאל ער נישט מפסיק זיין מיטצוזאגן 'כן יהי רצון' אפילו ווען ער האלט אינמיטן פסוקי דזמרה[3].**

1. עס איז באקאנט די שיטה פון דער חרדים' (יב יח, ווערט געברענגט אין 'ביאור הלכה' ריש סי' קכד) אז די מצוה פון ברכת כהנים איז צוויי זייטיג. עס איז כולל אין זיך סיי די מצוה פון די כהנים צו בענטשן די אידן אבער עס איז אויך דא א חוב אויף די אידן זיך צו בענטשן פון די כהנים. (א הסבר אויף די שיטה פון די חרדים איז דא אין די 'הפלאה' אין כתובות כג א). דער 'אגרות משה' (או"ח ח"ד סי' כא אות ב) איז מוכיח פון דער 'שלחן ערוך' אין הלכות נשיאת כפים (קכח כה) אז די מצוה פון ברכת כוהנים איז כולל אין זיך אויך די חובה פון א ישראל, אז דער ישראל מוז ענטפערן אמן נאך די ברכה פון דעם כהן. לויט דער מהלך איז די צורה פון די מצוה געבויט אויף צוויי חלקים, אויף די כהנים ליגט א פליכט צו בענטשן, אויף די ישראלים איז דא א מצוה צו ענטפערן אמן. וועגן דעם פסק'נט ער אז נאך די דריי ברכות איז דא א חיוב צו ענטפערן מן התורה און מען דארף ענטפערן אויף איר אויך אינמיטן די פרקים פון קריאת שמע וברכותיה אבער נאך די ברכה פון "אשר קדשנו בקדושתו של אהרן" וואס נאך איר איז די מצוה צו ענטפערן אמן נאר מדרבנן זאל מען נישט ענטפערן נאך איר אמן ווען מען האלט ביי קריאת שמע וברכותיה, ווי עס איז דער דין פון שאר אמנים. אזוי פסקנ'ט אויך הגרי"ש אלישיב ('וישמע משה' ח"ב עמ' כז) און דער 'פסקי תשובות' (קכח מא). און זעה אין ספר 'מעשה איש' (ח"ד עמ' קיז) אז ווען מען האט געפרעגט דעם 'חזון איש' צי מען זאל ענטפערן אמן אינמיטן פרק נאך ברכת כהנים האט ער געענטפערט אז די נושא איז אים נישט גענוג קלאר און ער דארף עס נאך אויסקלארן".

אין די הקדמה פון הגר"ח קניבסקי צו זיין ספר 'נחלת אליהו' ברענגט ער דארט אראפ אז אויך רבי אליהו דושניצר האט געהאלטן אז מען דארף מפסיק זיין אינמיטן קריאת שמע וברכותיה צו ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים. רבי חיים איז מבאר אויפ'ן ארט אז עס קען זיין אז דער דין איז אזוי ווייל ברכת כהנים האט א דין פון"דבר שבקדושה" וועלכע מען זאגט מיט א מנין אויף וואס מען דארף מפסיק זיין אויך אינמיטן א פרק ווייל די הלכה איז אז כהנים דוכ'נען נישט ווען עס איז נישט דא קיין מנין אין שול און ווי דער 'שו"ע הרב' (סו ה) זאגט אז וועגן דעם איז מען מפסיק צו ענטפערן אמן נאכ'ן עולה זיין לתורה, אויך אינמיטן א פרק.

2 אין ספר 'פקודת אלעזר' (סו ג) שרייבט ער אז ווייל די כהנים מאכן נישט קיין ברכה אויף איר נאר ווען עס איז דא אין שול צען מענטשן האט דער אמן נאך איר א דין ווי א "דבר שבקדושה" אז מען איז מפסיק פאר איר אויך אינמיטן די פרק צו ענטפערן נאך איר, אזוי פסק'נט ער אויך אין די שו"ת 'יביע אומר' (או"ח ח"ח סי' יב אות ה).

3. אויך די וואס פירן זיך ענטפערן אמן נאך די חזן ווען עס איז נישט דא קיין כהנים זאלן נישט מפסיק זיין אויף דעם. ('הליכות שלמה' - תפילה פ"י אות ה).

# אוצרות אמונים

## פערל ווערטער אויף השכמת הבוקר

### — איין התגברות ברענגט די צווייטע —

דער 'בית יוסף' הייבט אן די 'שולחן ערוך' מיט די פאלגלענדע ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר".

די הלכה איז איינס פון די יסודות צו קיום המצוה אין עבודת ה' ביי יעדן איד און ווי דער 'פלא יועץ' דרוקט זיך אויס: "בזה תלוי כל היהדות".

די סיבה דערצו איז ווייל ווען א איד הייבט אן דעם טאג מיט א התגברות אויפצושטיין בזריזות איז ער זוכה אז אגאנצער טאג האט ער די כח זיך מתגבר צו זיין אויף זיין יצר און ווי די חכמים זאגן (אבות ד ב): "מצוה גוררת מצוה". אבער אויב גלייך ווען מען דארף אויפשטיין פאלגט ער דער יצר הרע און ער בלייבט אין בעט ווי אזוי וועט ער שפעטער האבן די כוחות צוקענעןביישטיין דעם יצר הרע, עס וועט מקויים ווערן ביי אים וואס חז"ל זאגן: "עבירה גוררת עבירה" ('חסד לאלפים' א א).

טייערע און הייליגע ווערטער זאגט דער פלא יועץ לגבי די ברכת השחר וזה לשונו בקודש:

אף שאת כל הברכות צריך האדם לומר כהלכה תיבה אחר תיבה ובכוונה יתרה, אומנם "יגדל החיוב" להקפיד על כך בעת אמירת ברכות השחר. זאת משום שהן הנאמרות ראשונות בתחילת היום, ומי שיאמרן כראוי, מתוך ש"מצווה גוררת מצווה", ממילא אף את הברכות הנאמרות בהמשך היום יאמר כראוי. לעומת זאת, מי שחלילה יתרשל באמירתן, עשוי להתקיים בו מאמר חכמים (שם): "ועבירה גוררת עבירה", אף ביחס ליתר ברכות היום ('חסד לאלפים' מו א).



# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### דער 'אמן' איז משתיק די מקטרגים

**"וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי"** (לז ז)

דער בעל 'מגלה עמוקות' **רבי נתן שפירא** איז מגלה אז דער שורש פון יוסף הצדיק איז בסוד אמן. די בחינה איז מרומז אין די סופי תיבות פון די ווערטער (לעיל לז ג): **"בֶן זְקֻנִים הוּא"**.

דער 'מגלה עמוקות' לייגט צו דערצו אז עס איז דא אויך א רמז דערפאר אין די חלום פון יוסף הצדיק. אין די חלום פון יוסף הצדיק זאגט זיי יוסף הצדיק: "וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים והנה קמה אלמתי וגם נצבה".

דער ווארט 'אלמים' איז מלשון 'אילם'. עס איז א רמז אז ווען מען וויל משתיק זיין די מקטרגים אז זיי זאלן זיין שטום ווי 'אילמים', זאל מען נזהר זיין אין ענטפערן 'אמן', ווייל די מלאכים וואס ווערן באשאפן פון דער 'אמן', האלטן מלחמה מיט די מקטריגים און זענען זיי משתיק און וועגן דעם איז מקויים געווארן וואס עס שטייט ווייטער "והנה קמה אלמתי" - אז יוסף הצדיק וואס דער 'אמן' איז מרומז אין זיין נאמען האט זיי געקענט פארשווייגן און נאר זיין בינטל איז געבליבן שטיין.

'מגלה עמוקות' וישב דף מג ע"ב ודף מח ע"ב

דער געדאנק שטימט זייער שטארק מיט וואס עס שטייט אין 'סדר הדורות' (ערך רבי יוחנן) אז רבי יוחנן האט מהדר געווען אין אמן און די גמרא זאגט (ברכות כ א) אז רבי יוחנן האט מעיד געווען אויף זיך: "אנא מזרעא דיוסף קאתינא"- ווייל פאר די קינדער פון יוסף הצדיק פאסט זיך אז מען זאל מהדר זיין אין עניית אמן.

'ארצות השלום', ברכות כ א

### א סגולה פאר הטבת חלום

**"וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו חֲלוֹם חָלַמְנוּ וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הֲלוֹא לֵאלֹקִים פִּתְרֹנִים סַפְּרוּ נָא לִי"** (מ ח)

האט דער **בעל תורת חיים** געזאגט:

חז"ל זאגן (שה"ש רבה ג ז) אז ווער עס זעט א שלעכטער חלום זאל אויסהערן ברכת כהנים און ענטפערן נאך איר אמן און דאס וועט מיטיב זיין די שלעכטע חלום אז עס וועט אים נישט שאדן טון.

א שיינער רמז דערצו ליגט אין דער ווארט 'חלם'. די גימטריא פון 'חלם' איז זיבן און אכציג כמנין דריי מאל די שם הוי"ה. די ברכת כהנים איז צעטיילט אין דריי שטיקלעך, אין יעדער שטיקל איז דא איינמאל דער שם הוי"ה, ווייטער שטייט אין פסוק **סַפְּרוּ נָא לִי** און 'נא לי' איז די זעלבע גימטריא פון 'אמן'.

א רמז אז די שלעכטע חלום איז מען פותר דורך וואס מען ענטפערט אמן אויף די ברכת כהנים וואס האט אין זיך דריי מאל דער שם הוי"ה.

'תורת חיים'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



### רבי יצחק הוטנער
### כ' בכסלו תשמ"א

דער גאון רבי יצחק הוטנער זצ"ל איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי חיים יואל אין יאר תרס"ו אין די שטאט ווארשע אין פוילן.

אין די עלטער פון פערצן יאר איז ער אריין לערנען אין די לאמזשער ישיבה.

פון דארט האט ער ממשיך געווען צו לערנען אין די ישיבה פון סאלאבאדקע, וואו ער האט זיך געציילט אויף די מקרובים צו דער אלטער פון סאלבאדקער און צו דער ראש הישיבה רבי משה מרדכי עפשטיין זצ"ל.

אין יאר תרפ"ד האט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל, דארט איז ער אריין צו לערנען אין די חברונ'ער ישיבה. אין יאר תרצ"ה איז ער אריבער וואוינען אין ניו יארק וואו ער איז נתמנה געווען אלץ דער ראש הישיבה פון די 'רבינו חיים בערלין' ישיבה.

אלץ ראש הישיבה איז ער באקאנט געווארן מיט זיינע טיפזיניגער דרך אין השקפה און זיין בליק אויף א זאך וועלכע בויט זיך אויף די ווערטער פון דעם הייליגער מהר"ל.

זיינע שיעורים זענען שפעטער געדרוקט געווארן אין די סעריע פון ספרים 'פחד יצחק'.

דער באקאנטער משגיח רבי שלמה וולבה זצ"ל וועלכע איז געווען יונגער פון אים אכט יאר דרוקט זיך אויס אויף אים מיט מורא'דיגע ווערטער און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער כך ('עלי שור' ח"ב עמ' יב):

"לפני למעלה מעשר שנים התקרבתי אל הגאון הגדול ר' יצחק הוטנר זצללה"ה ראש ישיבת חיים ברלין בניו יורק וישיבת 'פחד יצחק' בירושלים, ובעל ספרי 'פחד יצחק', ונהייתי תלמידו. הוא היה חד בדרא בהיקף ועומק ידיעתו בכל חלקי התורה ובחוכמות, וכל רז לא אניס ליה. עד כמה שנתגלתה גדלותו בשמונת ספרי 'פחד יצחק' שכבר יצאו לאור - תוקף גדולתו יתגלה כאשר יצא בעז"ה לאור מה שעוד בכתובים".

אין יאר תשל"ט האט ער זיך באזעצט אין ארץ ישראל, ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער געווארן א שטארקער צוציאונגס פונקט, עס פלעגט זיך ציען צו אים הונדערטע אידן צו הערן זיינע שיעורים.

ער איז נסתלק געווארן כ' כסלו תשמ"א און מען האט אים געלייגט אויף דער הר הזיתים בארג אין ירושלים.

### מען דארף אויסהערן די ברכה - ווייל עס איז דא עטליכע סארט אמן'ס

ער פלעגט כסדר מעורר זיין זיינע שטוב מענטשן אז מען זאל זיך גוט איינהערן צו די ברכה און וויסן וועלכע סארט ברכה עס איז די ברכה ווייל עס איז דא עטליכע סארט אמן'ס און יעדער סארט אמן האט זיך זיין באזונדערע כוונה. עס איז נישט דומה אן אמן וואס מען ענטפערט אויף א ברכה וואס איז א בקשה צו אן אמן וואס איז אויף א ברכת הודאה.

אז מען זאל קענען מבחין זיין איז וויכטיג אז מען זאל זיך איינהערן די ברכה וואס יענער מאכט צו וויסן וואס מען דארף ענטפערן אויף איר. ער איז מוסיף אז דאס האבן חכמים מרמז געווען אין [סנהדרין צ"ב א] "גדולה דעה שניתנה בתחילת ברכה" אז ווען מען געט די דעת אויסצוהערן די ברכה קען מען ענטפערן אויף איר אן 'אמן' כראוי.

('כתר מלוכה' עמ' רעב)